STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02152

URIEL AKOSTA

Nachman Mayzel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

אוריאל אַקאָסטא



ISBN:0-657-02152-0
Old Call No.,97-516 v.

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן
ניו יאָרק, אָקטאָבער 1940.

ווערק פון נחמן מייזיל

אברהם גאָלדפאַדען (1939) — 44 זייטן.
דער כוח פון אידיש (1939) — 32 זייטן.
שלום עליכם (1939) — 40 זייטן.
דוד בערגעלסאָן (1940) — 48 זייטן.
חיים נחמן ביאַליק (1921) — 64 זייטן.
נאָענטע און ווייטע, באַנד 1 (1924) — 240 זייטן.
נאָענטע און ווייטע, באַנד 2 (1926) — 260 זייטן.
פּרצעס בריוו און רעדעס (1929) — 302 זייטן.
שלום אַש (1929) — 64 זייטן.
פּרץ, זיין לעבן און שאַפן (1931) — 240 זייטן.
אהרן ליבערמאַן (1934) — 64 זייטן.
חיים נחמן ביאַליק (1934) — 64 זייטן.
מענדעלע מוכר ספרים (1936) — 64 זייטן.
אויף אונדזער קולטור-פראָנט (1936) — 336 זייטן.
יוסף אָפּאַטאָשו, לעבן און שאַפן (1937) — 192 זייטן.
טעג און נעכט אין עמק (1938) — 128 זייטן.

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
OF THE JEWISH SECTION, I.W.O.
80 Fifth Avenue, New York
October, 1940

209

געדרוקט אין 5,000 עקזעמפּלאַרן

אוריאל אַקאָסטאַ

I

מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, אין יאָר 1640, האָט אַ קויל פֿון אַ פּיסטויל אין דער שטאָט אַמסטערדאַם אַ סוף געמאַכט צו אַ רייך און טראַגיש מענטשלעך לעבן. דאָס האָט דער אָפּטריניקער, דער אין חרם אַריינגעוואָרפענער אוריאל אַקאָסטאַ אויסגעשאָסן אין זיך. ער איז דאַן אַלט געווען פֿינף און פופציק יאָר. ער האָט טראַגיש געלעבט און טראַגיש איז ער געשטאָרבן. אָבער זיין לעבן און זיין טויט האָבן נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן דעם מענטשלעכן גייסט, די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע. און אפשר מער ווי אַלעמאָל איז איצט, אין דער איצטיקער גרויזאַמער און אומרואיקער צייט, ווידער און פֿונסניי אויפגעוועקט געוואָרן דער טיפֿער אינטערעס פֿאַר דער אוריאל אַקאָסטאַ געשטאַלט. נישט אומזיסט ווערן אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער וועלט אויפגעפֿירט אין דעם טעאַטער, סיי אינעם אידישן און סיי אינעם אַלגעמיינעם, דאָס דראַמאַטיש ווערק „אוריאל אַקאָסטאַ", וואָס ברענגט אַרויס דאָס לעבן, די ליידן, די געראַנגלענישן פֿון אָט־דער אינטערעסאַנטער און מערקווירדיקער געשיכטלעכער געשטאַלט.

אוריאל אַקאָסטאַ איז טאַקע איינע פֿון די אויסטערלישע ליידנדיקסטע און טראַגישסטע געשטאַלטן אין דער רייכער אידישער געשיכטע. אוריאל אַקאָסטאַ איז געבוירן געוואָרן אין אַן אומרואיקער און טראַגישער תקופה אינעם לעבן פֿון דעם אידישן פֿאָלק. ער איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין פּאָרטוגאַל, אין אַ צייט, ווען דאָס לאַנד האָט זיך געראַנגלט צווישן פֿינצטערע רעאַקציאָנערע כוחות; אין אַ פֿאַמיליע, וואָס איז פֿול געווען מיט טראַגישע ווידערשפּרוכן. אוריאל אַקאָסטאַ האָט געלעבט אין אַ וועלט, וואָס האָט זיך געפֿונען צווישן שאָטנס און ליכט, צווישן אוממענטשלעכן ווילדן פֿאַנאַטיזם און גלייכצייטיק ביים אויפשיין און אויפקום פֿון נייע, פֿרייע

געדאַנקען. אויף זיין לעבנס־וועג, וואָס איז געווען אַ שווערער ליידנס־וועג, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרפאָלגונגען און דערנידערונגען, וואָס ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט פאַרמאָגט אַן אומרואיקן, זוכנדיקן און אומאָפּהענגיקן כאַראַקטער און גייסט, ער האָט געוואָלט דערגיין דעם אמת, און פאַר דעם אמת, וואָס ער איז צו אים דערגאַנגען, האָט ער מיט עקשנות און מסירת־נפש געשטריטן אָפן און אומדערשראָקן. ער האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין פּשרות, און פאַר זיינע געדאַנקען און איבערצייגונגען, וואָס האָבן נישט געשטימט מיט דעם טראַדיציאָנעלן אידישן גלויבן, האָבן די פירער פונעם דעמאָלסדיקן אידנטום אין אַמסטערדאַם אים אַריינגעוואָרפן עטלעכע מאָל אין חרם. אים איז באַשערט געווען צו לעבן איינזאַם, דערווייטערט פון אַלעמען, אַפילו פון אייגענע, פון היימישע. די וועלט אין יענער צייט איז געווען פאַרשלאָסן פאַר אים, האָט ער אַזוי אָפּגעלעבט אין דער שטאָט אַמסטערדאַם איבער צוואַנציק יאָר אין טיפער איינזאַמקייט. ער האָט די שטראָף געטראָגן שטאָלץ און מיט ווירדע, און נאָר זעלטן, אין צייטן פון שווערער פאַרצווייפלונג, האָט ער געפּרואווט נאָכגעבן, זיך אונטערגעבן. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ קורצע וויילע. ער האָט באַלד ווידער רעוואָלטירט און ווידער פאָרגעזעצט זיין קאַמף קעגן די פאַנאַטישע רבנים, געשאָטן אויף זיי פעך און שוועבל און זיי ווידער דערצאָרנט און ווידער אַרויסגערופן קעגן זיך נייע דערנידערונגען און נייע פאַרפאָלגונגען.

דאָס מערקווירדיקסטע אין דער געשיכטע פון אוריאל אַקאָסטאַ איז, וואָס ער איז געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אַ קריסטלעכער פאַמיליע, ביי אַ פאָטער, וואָס ער אָדער זיינע עלטערן האָבן געשטאַמט פון אידן, אָבער ער איז שוין געווען, ווי אוריאל אַקאָסטאַ גיט איבער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַן אמתער קריסט און געפירט אין זיין שטאָט און אין זיין היים אַ פול און גאַנץ קריסטלעך לעבן. אוריאל אַקאָסטאַן איז ענג געוואָרן אין זיין קריסטלעכער, פאַנאַטיש־יעזואיטישער סביבה, ער האָט געזוכט אַן אַנדער, פריי לעבן. ער האָט זיך באַקענט מיט דער ביבל, ער האָט אויפגענומען דאָס אַמאָליקע פרימיטיווע נאַטור־לעבן, ווי עס ווערט געשילדערט אין די אַלטע שריפטן, און דערנאָך איז ער געגאַנגען זוכן אַזאַ מין שטייגער לעבן ביים אידישן פאָלק, וואָס האָט שוין אין לויף פון איבער צוויי טויזנט יאָר אַדורכגעמאַכט פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען און האָט שוין איצט געלעבט ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען און אונטער גאָר אַנדערע געבאָטן און פירעכצן. ער האָט איבערגעריסן מיט זיין פּאָרטוגעזישער שטאָט פּאָרטאָ, מיט זיין היים, מיט זיין סביבה און אַוועקגעוואַנדערט קיין האָלאַנד, וואו ער האָט געהאָפט איבערצובויען זיין לעבן אויף נייע, פרייע יסודות. ער האָט זיך אָבער גיך אַנטוישט.

אין דער אידישער סביבה האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף פאַנאַטיזם, אויף אַבערגלויבענישן, אויף אומטאָלעראַנץ, פונקט ווי אין דער קריסטלעכער וועלט, פון וועלכער ער איז אַנטלאָפן. ער זאָגט אַרויס אָפן זיין אומצופרידנקייט, ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן די רבנים און ער ווערט שטרענג און אומ־ברחמנותדיק באַשטראָפט. זיין לעבן איז אַ לאַנגע קייט פון יסורים און פייניקונגען.

די פאַרפאָלגונגען און דערנידערונגען פאַרהאַרטעווען אים אַלץ מער. ער פאַרטיפט זיך אין זיין אינעווייניקסטער וועלט, עס קריסטאַליזירט זיך אויס אַלץ־מער זיין פרייער וועלט־באַנעם. זיין עקשנות רופט אַרויס קעגן אים נאָך מער פאַרביטערטקייט און האַס. אָט־דער גראַנגל צווישן דער פרייער אויסגעהאַלטענער פערזענלעכקייט מיט די פאַנאַטישע רבנים געדויערט לאַנג, אַזוי לאַנג ביז די גייסטרייכע קעמפנדיקע נאַטור ווערט צוזאַמענגעבראָכן, און אין אַ שעה פון טיפער פאַרצווייפלונג, דערוויטערט און דערנידעריקט פון אַלעמען, גייט אוריאל אַקאָסטאַ אוועק פון דער וועלט מיט אַ קללה אויף זיינע ליפּן. ער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ טיף־וויייטיקדיקע לעבנס־באַשרייבונג, געשריבן די לעצטע טעג פון זיין שווער לעבן. אין דער אויטאָביאָגראַפיע האָט אוריאל אַקאָסטאַ אָנגעוויזן, אַז דאָס וואָס ער דערציילט וועגן זיך, וועגן זיינע ליידן און פאַרפאָלגונגען, קאָן דינען פאַר אַ ביישפיל פון אַ מענטשלעך לעבן אין דער אומווירדיקער סביבה. ער האָט געבעטן מען זאָל אים פאַר־שטיין און אורטיילן זיין לעבן און זיינע מעשים.

די פּראָגרעסיווע מענטשהייט האָט שוין לאַנג אויפגענומען דאָס לעבן און די ליידן פון דער גייסטרייכער און מערקווירדיקער אַקאָסטאַ־פּערזענלעכ־קייט מיטן גאַנצן ערנסט און אַרויסגעגעבן איר אורטייל, אַן אורטייל וואָס איז פול מיט סימפּאַטיע און פאַרערונג פאַר אים און פאַר די אידייען, וואָס פאַר זיי האָט ער געקעמפט יאָרנלאַנג.

דער נאָמען אוריאל אַקאָסטאַ געהערט צו די סאַמע פּאָפּולערסטע און טיף־געאַכטעסטע געשטאַלטן אין דער אידישער געשיכטע — די געשטאַלטן, וואָס זיינען געוואָרן ווי אַ סימבאָל פון קאַמף קעגן פאַנאַטיזם, פון קאַמף קעגן ווילדערניש, פאַר נייע, ליכטיקע און פרייע געדאַנקען און אידייען.

II

אוריאל אַקאָסטאַ, אָדער ווי ער האָט פריער געהייסן אין זיין היים־שטאָט — גבריאל דאַ קאָסטאַ, איז געבוירן געוואָרן אין פּאָרטוגאַל, אין דער שטאָט פּאָרטאָ, אין יאָר 1585. זיין פּאָטער איז געווען אַן „אמתער קריסט", נישט קיין פאַרשטעלטער מאַראַן, ווי עס זיינען דאַן געווען אַ סך אידן אין פּאָרטוגאַל.



דאָס הויז פון דער אַקאָסטאַ-פאַמיליע

ווייזט אויס, אַז זיין פּאָטער איז קינדווייז אַריבער צו דעם קריסטלעכן גלויבן, אָדער אפשר האָבן זיך נאָך זיין פּאָטערס עלטערן אַמאָל געשמדט קעגן זייער ווילן. אין איניקע אַקאָסטאַ־באַשרייבונגען ווערט דערציילט, אַז אַקאָסטאַס מוטער זאָל געבוירן זיין אַ אידישע און אַז זי האָט געטראָגן אין דער שטיל

אַ בענקשאַפט צו אידן און צום אידישן לעבן. דאָס איז נישט באַקאַנט געגוי. דער פאָטער האָט זיך איינגעלעבט אין דער קריסטלעכער סביבה, ער איז געווען אַדורכגעדרונגען מיטן קאַטוילישן גייסט און געגעבן זיינע קינדער און אויך זיין זון גבריאל (דערנאָך אוריאל) אַ דערציאונג אין עכט־קאַטוילישן גייסט. די דאַ קאָסטאַ־פאַמיליע האָט געפירט זייער אַ רייכן שטאַט, געלעבט ברייט אין אַן אייגענעם פּאַלאַץ, און גבריאל האָט באַקומען אַ פילזייטיקע בילדונג, ווי עס האָט זיך געפירט אין יענע צייטן ביי די פאַרמעגלעכע. ווען גבריאל איז אויסגעוואַקסן, האָט דער פאָטער געוואָלט זיין זון זאָל שטודירן יוריס־פּרודענץ, כדי ער זאָל דערנאָך קאָנען פאַרנעמען אַ הויכן פּאָסטן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. אָבער גבריאל האָט אַרויסבאַוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר רעליגיעז־עטישע פּראָבלעמען. פון 1600 ביז 1608, דאָס מיינט פון 15טן ביזן 23טן יאָר פון זיין עלטער, לערנט גבריאל דאַ קאָסטאַ אין דעם יעזואיטן־אוניווערזיטעט אין פּאָרטאָ. מיט דער גאַנצער ליידנשאַפטלעכקייט נעמט אויף דער יונגער גבריאל דאַ קאָסטאַ די פאַרשיידענע לערעס וועגן לעבן און טויט, וועגן לעבן נאָכן טויט, וועגן דער נשמה, וואָס ראַנגלט זיך אין די נעצן פונעם מענטשלעכן גוף; ער ווערט מיטגעריסן פון די שילדערונגען פונעם גיהנום, וואָס די יעזואיטישע לערער פלאַנצן איין אין זיין גערייצטער פאַנטאַזיע. אונטער דעם איינדרוק פון אָט־דעם אַלעמען, וואָס ער זאַפּט איין אין זיך אין דער שולע, אין דער סביבה אַרום, ווערט ער אַ פרומער קאַטוילִיק און ער ווערט אַלץ מער אַריינגעצויגן אין דער אָפיציעלער קאַטוילישער וועלט. נאָך אַ יונגערמאַן, פאַרנעמט ער אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין דער קאַטוילי־שער רעליגיעזער סביבה — צו 25 יאָר איז ער אַ קאַנאָניק־שאַצמייסטער אין דער קירכע פון פּאָרטאָ.

גבריאל דאַ קאָסטאַ פירט אַ לעבן פון אַ רייכן־אַדעליקן יונגערמאַן. לויט די שילדערונגען פון אַקאָסטאַס לעבן, רייט ער אויף טייערע פערד, וואָס זיין פאָטער פאַרמאָגט אין זיינע שטאַלן, ער פאָרט אויף געיעג און שיסט פון זילבערנע פּיסטוילן. ער האָט הנאה פון דער פּראַכטפולער פּאָרטוגאַלישער נאַטור, פון די וואונדערבאַרע דרום־לאַנדשאַפטן. אָבער טיף אין זיין נשמה פירט ער נאָך אַ לעבן, ער הויבט אָן צו צווייפלען אין די אַלע אמתן, וואָס די קאַטוילישע רעליגיע האָט אים געבראַכט. זיין אומרואיקער גייסט טרייבט אים צו זוכן אַנדערע ענטפערן אויף די פראַגן, וואָס קומען אויף אין זיין מוח. ער הויבט אָן צו לייקענען אין פיל זאַכן, וואָס ער האָט פריער געגלויבט. ער נישטערט און זוכט אַנדערע ווערק, וואָס זאָלן קענען שטילן זיין דורשט און זיין פאַנטאַזיע. ער קומט צו דער ביבל. ער פאַרטיפט זיך אין איר און געפינט דאָרט אַן ענטפער אויף זיינע ספקות. באַזונדערס פאַרנעמט אים די

פראגע פון לעבן נאָכן טויט. ער איז נישט צופרידן מיט דעם, וואָס עס לערנט אים די קאַטוילישע רעליגיע. אין דער ביבל אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַן אַנדער וועלט, ווערט אים די ביבל באַזונדערס נאָענט. אין דער ביבל טרעפט ער זיך אָן אויף אַ פּרימיטיוו און נאַטירלעך לעבן, וואָס איז אים ליב און אייגן. און אַזוי צו־ביסלעך הויבט ער אָן זיך צו דערווייטערן פונעם פרומען קאַטאָליציזם און גייט אַריבער צו סקעפּטיציזם. ער ווערט באַהערשט פון דעם ווילן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם רעליגיעזן יאָך. ער פאַרנעמט, דערווייל נאָך נישט גענוג קלאָר, די פרייע ווינטן, וואָס בלאָזן דאַן אין אייראָפּע, די פרייע ווינטן, די נייע גדאַנקען פון ראַציאָנאַליזם — און ער באַשליסט צו צעררייסן מיט זיין סביבה, מיט זיין היים, מיט זיין לאַנד, וואו עס הערשט פאַנאַטיזם, וואו עס הערשט די קירכע, וואו עס איז דאָ די מוראדיקע אינקוויזיציע, וועלכע גיט אַכטונג, פאָלגט נאָך נאָך יעדן פרייען גדאַנק, נאָך יעדן אַנדערש־דענקענדיקן.

אין פּאָרטוגאַל, ווי פריער אין שפּאַניע, לעבן דאַן די אידן אין זייער שווערע און ביטערע באַדינגונגען. ווען די אידן זיינען אין יאָר 1492 פאַר־טריבן געוואָרן פון שפּאַניע, ווערט דאָס שכנותדיקע לאַנד פּאָרטוגאַל דאָס אָרט, וואו אידן ראַטעווען זיך נאָך די אַלע אכזריותדיקע פאַרפאָלגונגען און אינקוויזיטאָרישע פּייניקונגען. פריער אַ 60 טויזנט אידן און דערנאָך אַ גרעסערע צאָל מאַראַנען באַזעצן זיך אין פּאָרטוגאַל. דער דאָרטיקער אידישער ישוב הויבט אָן שנעל צו וואַקסן און צו בליען. די אידן ברענגען אַריין אינעם קליינעם לאַנד זייער ענערגיע, זייערע קענטעניששן, אַנדערע אידן ברענגען אויך קאַפּיטאַלן, און דאָס אָפּגעשטאַנענע לאַנד פּאָרטוגאַל הויבט זיך אָן ראַש צו אַנטוויקלען. אָבער עס געדויערט נישט מער ווי עטלעכע יאָר. אין יאָר 1497 האָט דער קעניג פון פּאָרטוגאַל, מאַנועל, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו שמדן די אידן מיט געוואַלד, קעגן זייער ווילן, און דערביי לאָזט ער נישט די אידן אַרויסוואַנדערן פונעם לאַנד. ווייזט אויס, אַז אויך די משפּחה דאַ קאָסטאַ, וואָס האָט דאָ געפירט אַ רייך און ברייט לעבן, איז צוליב דער גזירה אַריבער אַמאָל צום קאַטוילישן גלויבן. אָבער ערגעץ־וואו טיף אין הארצן האָט נאָך, קאָן זיין, געגליט ליבע און טרייהאַפט צום ליידנדיקן אידישן פאָלק.

III

אין פֿאָרטוגאַל קומט פֿאָר אַן איבערחזרונג פֿון די לײדן און פֿאַרפֿאָלגונגען אויף אידן, ווי אין שפּאַניע. עס ווערט פֿאַנאַנדערגעבלאָזן די פֿאַנאַטישע שנאה, און מיט דער שנאה וואַקסט די שטאַרקע קנאה, די גישט־פֿאַרגינערישקייט פֿון די רייכערע עלעמענטן, פֿון די שטאָטישע גראַנדן און צעכן צו די פֿאַרמעגלעכע אידן. אין שפּאַניע האָט זיך עס אויסגעדריקט אין שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף אידן. עס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון די פֿאַרשיידענע העצערייען און בלבולים, וועלכע זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן און אָפּן אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דער מלוכה און קירכע. עס איז אינטערעסאַנט: אַפֿריער איז די בלוטיקע אינקוויזיציע־באַוועגונג געריכטעט געוואָרן קעגן אידן, און דערנאָך איז זי פֿאַרשפּרייט געוואָרן אויך קעגן די מאַראַנען. אין 1412 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שפּאַניע דער „עדיקט פֿון אומטאָלעראַנץ”, מען פֿירט איין — ווי איצט דער בלוטיקער אַדאָלף היטלער — דעם שאַנד־צייכן פֿאַר אידן, מען פֿאַרטרייבט אידן אין באַזונדערע טיילן פֿון שטאָט, מען שאַפֿט די געטאָ, מען באַרויבט אידן פֿון די סאַמע עלעמענטאַרסטע רעכט. דער פּויפּסט פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1415 אַ געזעץ קעגן דער אידישער רעליגיע, און עס הויבן זיך אָן די ברוטאַלע פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן אידן. עס הויבט זיך אָן אַ געיעג קעגן אידן און עס ווערט געפּריידיקט אַ צוואַנג־שמד. טויזנטער אידן שמדן זיך לפּנים, זיי ווערן מאַראַנען (אַנוסים) — „נייע קריסטן”. אָט די מאַראַנען קומען בעיקר פֿון די רייכע און פֿאַרמעגלעכע אידן, די אָרעמערע מאַסן האָבן זיך געהאַלטן פֿעסטער און עקשנותדיקער ביי זייער אידישן גלויבן, נישט געקוקט אויף די אַלע פֿאַרפֿאָלגונגען. די מאַראַנען שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דעםווירטשאַפֿטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן, און דאָס רופֿט אַרויס קעגן זיי אַ באַזונדערע שנאה און קאָנקורענץ־האַס. און דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך, וואָס די אינקוויזיציע, וואָס איז אויסערלעך געווען אַן אַקט פֿון רעליגיעזער פֿאַרפֿאָלגונג, האָט אָבער אין דער אמתן געהאַט אַן עקאָנאָמישן און מאַטעריעלן אונטערשלאַק — די אינקוויזיציע איז געווען באַגלייט מיט קאָנפֿיסקירן אידישע פֿאַרמעגנס פֿאַר דער מלוכהשער קאַסע און דעריבער האָבן זיך די אינקוויזיטאָרן באַזונדערס נאָכ־

געיאָגט נאָך די רייכערע מאַראַנען, וואָס מען האָט געקאָנט ביי זיי מער ראַבעווען.

אָט דאָס זיינען די באַדינגונגען פון דעם לעבן אין פּאָרטוגאַל אָנהויב פונעם 17טן יאָרהונדערט און דאָס איז די סביבה, וואו עס לעבט גבריאל דאַ קאָסטאַ מיט זיין פאַמיליע. אין אָט דער שטיקנדיקער, שטענדיק געהייצטער אַטמאָספער, וואו מען האַלט אין איין נאָכגיין, אין איין נאָכשפּירן נאָך יעדן איינעם, וואָס מען קאָן חושד זיין, אַז ער געהערט צו אידן אָדער צו די מאַראַנען, אין אָט־דער אַטמאָספער וואַקסט אויס ביים יונגן, פריידענקערישן, זוכערישן דאַ קאָסטאַ דער דרייסטער געדאַנק צו אַנטלויפן פון פּאָרטוגאַל און זיך ראַטעווען קיין האָלאַנד, אין דער הויפּט־שטאָט אַמסטערדאַם, וואָס ווערט דאַן אַלץ מער אַ צוצי־פונקט פאַר פרייע גייסטער.

אין זיין פּראַכטפולער שילדערונג פון אוריאל אַקאָסטאַ גיט איבער דער באַוואוסטער אידיש־ענגלישער שרייבער ישראל זאַנגוויל אייניקע רירנדיקע און מערקווירדיקע עפּיזאָדן פון אַקאָסטאַס דערנעענטערן זיך צו אידן. לויט י. זאַנגוויל, באַקענט ער זיך אין פּאָרטאָ מיט איינעם אַ באַרימטן פּראָפעסאָר פון דעם דאָרטיקן אוניווערזיטעט, אַ מאַראַן, אַ גרויסער געלערנטער, דאָס דיעגאָ דע באַלטהאַסאַר. דער יונגער דאַ קאָסטאַ ווערט אַנטציקט פון זיין וויסן און אויך פון זיין טיפער איבערגעגעבנקייט צום אידישן פאָלק, הגם לפנים טראָגט ער אַ מאַסקע פון אַן עכטן גלויביקן קריסט. עס ווערט געבראַכט אַ גרויזאַמע סצענע, ווי דער פּראָפעסאָר ווערט געפּייניקט דורך די אינקוויזי־טאָרן. ביי אָט־דעם מאַראַן לערנט ער אין געהיים העברייאיש און באָרגט ביי אים אַ העברייאישע ביבל. אָט־דער פּראָפעסאָר דיעגאָ גיט אַרויס אַ ווערק אין אַמסטערדאַם אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען. פון אָט־דעם דאָס דיעגאָ דע באַלטהאַסאַר דערוויסט זיך גבריאל דאַ קאָסטאַ מער פּרטים וועגן דער גע־טרוימטער שטאָט אַמסטערדאַם. ער פרעגט ביים אַלטן מאַראַן: „איז אַמסטערדאַם אַ אידישע שטאָט?” דערויף ענטפערט דער אַלטער פּראָפעסאָר זיין יונגן נייגעריקן פריינט: „אַ פראַגע אַ ביסל! עס איז דאָס ירושלים פון מערב־אייראָפּע. זינט דאָס קליינע האָלאַנד האָט אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דאָס פּויפּסטנטום, האָט עס נישט קיין פאַרפאָלגונגס־פּאָליטיק, ווי אַנדערע לענדער. און גאַנץ נאַטירלעך, וואָרים ס׳איז גיכער אַ שיף, איידער אַ לאַנד. אַ העלפט פון מיינע אַלטע פריינט זיינען אַוועק אַהין — עס איז אַ טרויעריקער קאַנאַל פאַר אונדזער אַלטער פּאָרטוגעזישער קהילה.”

עס גייט דאַן אָן אין פּאָרטוגאַל און אויך אין דער שטאָט פּאָרטאָ אַן אונטערערדישע אַרבעט. אין דער שטיל מאַכן די אידן און מאַראַנען פאַר־בארייטונגען אַרויסצורייסן זיך פון די אינקוויזיטאָרישע נעגל און צו אַנטלויפן

צום געגאַרטן לאַנד. דער עמפּינדלעכער, אומרואיקער גבריאל דאַ קאָסטאַ ווערט פאַרכאַפּט פון אָט־דעם געדאַנק. עס דערוועקן זיך אין אים נייע כוחות, עס קומען אפשר אויך אַנונגען פון דורות צוריק און ער באַשליסט זיך אָפּצושאָקלען פון דעם יאָך פונעם קאַטוילישן גלויבן און פון דער שווערער לערע, וואָס האָט אַזוי געדריקט אויף זיין פרייען און יונגן געמיט.

און פאַרלאָזן פּאָרטוגאַל און זיך לאָזן קיין האָלאַנד, האָט געהייסן שטעלן דאָס לעבן און דאָס גאַנצע פאַרמעגן אין געפאַר. אָבער גבריאל דאַ קאָסטאַ שטעלט זיך דערויף נישט אָפּ. ער איז גרייט אויף אַלץ. ער וועבט וויטער זיין טרוים צו אַנטרינען אין דעם לאַנד, וואו מען קאָן פראַנק און פריי לעבן אוןווירקן. דער פּאָטער זיינער, דער גלויביקער קריסט, האָט שוין דאַן ניט געלעבט. פאַרטרויט גבריאל זיינע פאַרבאָרגענע געדאַנקען זיין היים־געליבטער מוטער, ווי אויך זיינע פיר ברידער. און אַלע באַשליסן זיי זיך אומצוקערן צו אידישקייט, זיך מגייר זיין, און צוליב דעם צוועק פאַרלאָזן זיי זייער היים־שטאָט פּאָרטאָ.

דאָס איז געווען אין יאָר 1617. גבריאל דאַ קאָסטאַ איז אַלט געווען 32 יאָר, ווען ער האָט פאַרביטן זיין היים־שטאָט, זיין לאַנד, וואו געבוירן און אויפגעצויגן, אויף אַ נייער היים, אויף אַ נייער וועלט אין אַמסטערדאַם.

IV

דער אָנהויב פונעם 17טן יאָרהונדערט איז געווען פאַר אייראָפּע און אויך פאַר די אידן פון אייראָפּע אַ מערקווירדיקע צייט. מערקווירדיק דערפאַר, וואָס גראָד דאַן, ווען אויף די הימלען פון דער אַלגעמיינער אייראָפּע האָט זיך צווישן די כמארעס גענומען ווייזן אַ וואַרעמע, ליכטנדיקע זון, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ נייע פרילינגס־צייט, ווערט דאָס אידישע לעבן אין אייראָפּע אַלץ מער פאַרוואָלקנט און פאַרטונקלט. עס קומען אויף דאָ און דאָרטן אין אייראָפּייאישע צענטערן נייע אידייען, עס באַווייזן זיך אויפשפּראָצן פון דעם ראַציאָנאַליסטישן וועלט־באַנעם, און די אידישע מאַסן ווערן אַלץ מער פאַרפאָלגט פון פינצטערע כוחות. אידישע ישובים, וואָס האָבן זיך געבויט יאָרהונדערטער, ווערן צעשטערט, גייען אונטער, און די אידישע באַפעלקערונג ווערט אַרויסגעיאָגט און לאָזט זיך וואו די אויגן טראָגן. אַט די פאַרפאָלגונגען ווירקן אויף דעם געמיט פון די אידן, דאָס אידישע פאָלק פאַררוקט זיך אַלץ טיפער אין אַ שווערער מרה־שחורה, עס וואַקסט פאַנאַטיזם, עס וואַקסט אויך אַ קנאות, אַ קעגנערשאַפט צו דעם פרייען געדאַנק, וואָס רייסט זיך אַריין אין דער אידישער וועלט. די רבנים, די היטער פון דער אידישער מסורה, די באַשיצער פונעם טראַדיציאָנעלן אידישן לעבן, באַקומען די דעה אינעם עפנטלעכן אידישן לעבן, זיי שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון די אידישע קהלות און מיט דער הילף פון די רייכע באַלעבאַטים זיינען זיי גרייט אויסצוראָמען יעדן איינעם, וואָס קומט אונטערצוגראָבן זייער אויטאָריטעט.

אין דער האָלענדישער שטאָט אַמסטערדאַם קומען אידן, וואָס לויפן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, עס קומען דערנאָך אידן פון פּוילן און דייטשלאַנד, וואָס זוכן שוץ אין דעם פרייען לאַנד. און אָט די אידן און מאַראַנען, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין אַזויפיל רדיפות פאַר זייער גלויבן פון דער קאַטוילישער קירכע, האַלטן זיך מיט אַ באַזונדערן אייפער ביי די אַלע געבאָטן און אַבערגלויבעניש, זיי בויען אַרום זיך צוימען, וואָס זאָלן שיצן די אידישע אמונה פון די אַלע פרייַדענקער. צו אָפן זיינען געווען די וואונדן ביי די אידן, מען זאָל לאָזן זיך צורירן צו זיי.

די אידישע קהלה אין אַמסטערדאַם, וואוהין די דאַ קאָסטאַ פאַמיליע איז

געקומען, איז געווען נאָך גאָר אַ יונגע. די ערשטע אידן זיינען אַהין אָנגעקומען מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, סוף פון 16טן יאָרהונדערט, אַרום 1590.

אינעם בוך „ספינאָזאַ און זיין סביבה" פון דר. י. שאַצקי ווערט איבערגעגעבן פון אַן אַלטן מאַנוסקריפּט, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אין דער ביבליאָטעק „חברה תועלת" אין אַמסטערדאַם, ווי אַזוי עס זיינען געקומען די ערשטע אידן קיין האָלאַנד סוף 16טן יאָרהונדערט. די געשיכטע דערציילט דאָן מיגועל דע באַריאָס, אַ מאַראַן, וואָס האָט זיך דערנאָך אַ נאָמען געגעבן דוד דע באַריאָס.

אין יאָר 1589 האָט אַ שרעקלעכער שטורעם אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט עמדען (האָלאַנד) פאַרכאַפּט אין מיטן ים צוויי שיפן מיט אידן, וואָס זיינען געלאָפן פון שפּאַניע. דער שטורעם האָט שיר די שיפן מיט די אַנטרונענע אידן נישט אומגעבראַכט. עס זיינען געפאָרן רייכע מאַראַנען, וואָס האָבן מיט זיך מיטגעפירט גאָלד און טייערע חפצים. זיי זיינען געפאָרן אין דער ריכטונג פון אַמסטערדאַם, וואו מען האָט נישט גערודפט פאַר רעליגיעזע איבערצייגונגען. דער שטורעם האָט געוואָרפן די שיף און דער עולם איז געווען זייער פאַרצווייפלט. זיי האָבן זיך מיט סכנת־נפשות אַרויסגעראַטעוועט פונעם אינקוויזיטאָרישן גיהנום און געווען גליקלעך גאָר אין גיכן צוצוקומען צו אַ רואיקן ברעג און אָנהויבן אַ פריי לעבן ווי מענטשן און אידן, און דאָ שטייען זיי איצט פאַר אַ נייער לעבנס־געפאַר. אַמסטערדאַם איז פאַר די אַנטלאָפענע אידן און מאַראַנען געווען דאָס געגאַרטע לאַנד, אָדער ווי מען האָט די שטאָט שפּעטער גערופן, „דאָס נייע ירושלים". דערווייל איז דער שרעקלעכער שטורעם געוואָרן אַלץ שטאַרקער און געוואָרפן די שיף. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, מען וועט אַזוי אומקומען אין די טיפענישן פונעם ברויזנדיקן ים. די מאַראַנען האָבן היים געבעטן צו גאָט. לסוף איז דער שטורעם שטילער געוואָרן, אָבער די שיפן זיינען אַזוי געווען באַשעדיקט פונעם שטורעם, אַז ווייטער פאָרן האָט מען נישט געקאָנט. איז מען צוגעקומען צו אַ ברעג ביי עמדען. די מאַראַנען זיינען אַראָפּ אין שטעטל, געדונגען פאַר זיך דירות און אַרויס אָנקוקן דאָס נייע אָרט. שוין לאַנג האָבן זיי זיך נישט געפילט אַזוי פריי און אומאָפּהענגיק. און שפּאַצירנדיק אַזוי איבער די גאַסן, זיינען זיי צוגעקומען צו אַ געשעפט, וואו מען האָט פאַרקויפט געגנדז. דאָס האָט זיי שטאַרק פאַרשמעקט נאָך דער לאַנגער, שווערער ים־רייזע. זיי זיינען אַריין אינעווייניק, געבעטן צו געבן אַ גאַנדז, און ווי דערשטוינט זיינען זיי געוואָרן, ווען מ׳האָט זיי צוגעטראָגן אַ גאַנדז מיט אַן אויפשריפט „כשר". זיי האָבן גאָרנישט געגלויבט צו געפינען דאָ,

אין דעם שטעטל עמדען, א איד. מען איז אוועק, מען האט זיך צערעדט מיטן באלעבאס, ביי וועלכן זיי האבן געוואוינט, און יענער האט זיך מודה געווען פאר די שפאניש-פארטוגעזישע „קריסטן", אז ער איז אויך א איד.

פון דעם באלעבאס האבן זיי זיך דערוואוסט, דערציילט ווייטער דער געוועזענער מאראן דע באריאס, אז ווען די נידערלענדישע פראווינצן האבן זיך אפגעריסן פון שפאניע, איז ארויסגעגעבן געווארן א דעקרעט, וואס דער-לויבט יעדן „אן אונטערשייד פון זיין נאציע און שפראך, זיך דא צו באזעצן און זיך אויסלעבן אין זיין רעליגיע פריי און אומגעשטערט". און דאס טשיקאוועסטע דערביי איז געווען, וואס עס איז געמאכט געווארן אן אויסנאם פאר די קאטוילִיקן, וועלכע „זיינען אינטריגאנטן און זיי קאנען נאך אריבער-ברענגען אהער די שפאנישע דעספאטן". דער באלעבאס האט זיי ווייטער דערציילט, אז „מיר לעבן דא גליקלעך און פראנק און פריי, די מלוכה-באאמטע שעצן אונדז זייער און מיר פירן אוים אונדזערע רעליגיעזע מנהגים אפן, פאר אלעמענס אויגן".

די מאראנען זיינען געגאנגען צום אידן, וואו זיי האבן געקויפט די כשרע גאנדז, זיי האבן זיך מיט אים נעענטער באקאנט — זיין נאמען איז געווען משה אורי הלוי. ר' משה אורי הלוי האט קיין שפאניש נישט גע-קאנט, עס איז געווען שווער צו פארשטענדיקן זיך מיט אים, אבער פון האלבע ווערטער האט איינער דעם צווייטן פארשטאנען. די מאראנען האבן אים איבערגעגעבן, אז זיי זיינען אנטלאפן פון קאסטיליע, וואו די אינקוויזיציע ווילדעוועט. זיי פירן מיט זיך א סך געלט, אבער עס פעלט זיי אידיש וויסן, זיי נויטיקן זיך אין א וועגווייזער, זיי ווילן זיך באהעפטן צו די געבאטן פון דער תורה.

האט זיי דערויף ר' משה אורי הלוי געענטפערט: „גייט קיין אמסטער-דאם. מיר וועלן אייך נאכפארן. אין אמסטערדאם, אין דער גרויסער פרייער שטאט, וועלן מיר אלע לעבן איינאיינעם!" ער האט זיי געבעטן, אז זיי זאלן אויפן הויז, וואו זיי וועלן וואוינען אין אמסטערדאם, ארויסשטעלן א רויט שנירל, עס זאל זיין א סימן פאר אים.

די מאראנען האבן פארריכט זייערע שיפן און האבן זיך אוועקגעלאזט קיין אמסטערדאם, און אין אפריל 1593 זיינען זיי אנגעקומען בשלום קיין אמסטערדאם. אין א פאר וואכן ארום איז אהין געקומען ר' משה אורי הלוי. ער איז געווארן זייער לערער, מ'האט געדונגען אן ארט פאר א שול און ער האט געדאוונט פארן עמוד.

די אידישע עדה אין אמסטערדאם איז שנעל געוואקסן. יעדע שיף האט געבראכט מאראנען און אידן. עס האבן זיך גענומען גרינדן חברות און

אינסטיטוציעס, עס זיינען אויפגעמאַכט געוואָרן שולן. דערנאָך האָבן אָנ־
געהויבן אָנקומען אידן פון אַנדערע לענדער, פון דייטשלאַנד און פון פוילן.
עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אין אַמסטערדאַם אַ אידישע דרוקעריי און אין
יאָר 1627 איז דאָרט צווישן אַנדערע געדרוקט געוואָרן אַ סידור „סדר תפלות"
פון מנשה בן ישראל. אין יאָר 1629 ווערט געגרינדעט אַ ישיבה „ראשית
חכמה", וואָס אין דער שפּיץ שטייען צוויי געלערטע. די רבנים, וואָס זיינען
אויפגענומען געוואָרן דורך די רייכערע פירער פון דער קהלה, דורך די פרנסים,
האָבן זיך געפונען אונטער זייער השפּעה, און צוזאַמען האָט מען שטאַרק
אַכטונג געגעבן אויף פרומקייט, און געזען, אַז מען זאָל אָפּהיטן די געבאָטן
און מנהגים פון דער אידישער טראַדיציע. די ספרדישע אידן, וואָס זיינען
געקומען מיט גרויסן קאַפּיטאַל, האָבן געפירט אַ רייך לעבן. זיי האָבן אַרויס־
באַוויזן פיל ענערגיע און זיך שטאַרק באַטייליקט אין דעם אויפבלי פונעם
האָלענדישן האנדל, וועלכער האָט זיך דאַן געפירט איבער ווייטע ימען און
לענדער.

V

צווישן די ניי־געקומענע, וואָס זיינען געלאָפן פון פאַרשיידענע לענדער צו געפינען אַ רו־ווינקל אין אַמסטערדאַם, איז אויך געווען די פאַמיליע דאַ קאָסטאַ — די אַלטע מוטער מיט אירע פינף זין: אהרן, יעקב, אברהם, יוסף און גבריאל. אין אַמסטערדאַם זיינען זיי אַריבער צום אידישן גלויבן, און גבריאל האָט געענדערט זיין נאָמען אויף אוריאל אַקאָסטאַ.

אָבער אָנשטאָט אינעווייניקסטער און אויסערלעכער רו האָט אוריאל אין אַמסטערדאַם געפונען נאָך מער אומרו און פיין. עס האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אַ לעבן פול מיט אַנטוישונגען און אינגיכן איז אויך געקומען צו שאַרפע צוזאַמענשטויסן. דער איינציקער קוואַל, פון וואַנען אוריאל אַקאָסטאַ האָט ליידנשאַפטלעך געשעפּט זיינע ידיעות וועגן אידן און אידישקייט, איז געווען דער תנ״ך. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אידן און אידנטום אין דער ליכט און אין דער געשטאַלט, ווי ער האָט אויפגענומען און אַרויסגעטראָגן פון דער ביבל. עס זיינען אים לחלוטין פרעמד געווען די שפּעטער אָנגעוואַקסענע שיכטן פון דער גייסטיקער און שטייגערישער אַנטוויקלונג, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אַדורכגעמאַכט פאַר די אַלע דורות, במשך פון זיינע וואַנדערונגען און איבערוואַנדלונגען זינט דעם ביבלישן פעריאָד ביזן 17טן יאָרהונדערט. וועגן דעם אַלעמען האָט אַקאָסטאַ ביז אַהער נישט געהאַט קיין שום באַגריף. ער האָט געהאָפט צו געפינען אין אַמסטערדאַם אידן, וואָס לעבן לויט די ביבלישע געזעצן און פירעכצן, מיט דער פּאַטריאַרכאַלישקייט און פרימיטיווקייט, ווי עס איז אַרויסגעבראַכט אין דעם תנ״ך. צו זיין גרויסער איבעררעשונג האָט ער זיך דאָ אָנגעשלאָגן אויף גאָר אַנדערע מינים אידן — ער האָט דערזען פאַר זיך פאַנאַטישע, אַבערגלויבישע אידן, וואָס זייער לעבן ווערט אָנגעפירט דורך רבנים, דורך קנאים, דורך פאַנאַטיקער און צבועקעס. ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן שלעכט און ענג אין דער סביבה פון די פרומע אידן, וואָס האָבן אים אין איטלעכע פרטים דערמאָנט אָן דעם פאַנאַטישן, אַבערגלויבישן קאַטוילישן לעבן, פון וועלכן ער איז אַהער אַנטלאָפן. די אַלע דינים און מנהגים, וואָס זיינען צוגעקומען פונעם תלמוד און פון די רבנים, זיינען געווען אין זיינע אויגן אַ שטאַרקער אָפּקער פון משה רבנום לערע, ווי ער האָט זי אויפגענומען פון דער ביבל.

שטאַרק אַנטוישט אין זיינע האָפענונגען, האָט אוריאל אַקאָסטאַ מיט דער גאַנצער לײדנשאַפט פון זיין כאַראַקטער אַנגעהויבן אַנצופאַלן אויף די רבנים, וואָס ער האָט גערופן מיטן נאָמען „פאַריסייען" (פּרושים), ווי ער איז געוואוינט געווען אין דער קירכע אַנצורופן די פרומע, און באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פונעם ריכטיקן וועג און פאַרקריפּלט די לערע פון משה רבנו.

די פאָרשטייער פון דער אַמסטערדאַמער אידישער געמיינדע, וואָס זיינען באַשטאַנען דאָס רוב פון מאַראַנען, נישט־לאַנג געקומענע פון פּאָרטוגאַל, וואו זיי זיינען אַזוי גרויזאַם פאַרפאָלגט געוואָרן פאַר זייער אמונה, האָבן זיך געשראָקן פאַר די פרייע געדאַנקען, פאַר דער אַפּיקורסות, וואָס עס האָט פאַרשפּרייט אוריאל אַקאָסטאַ. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די פריי־דענקערישע דערווידערונגען פון דעם יונגן אַקאָסטאַ, וועלכער איז דאָ נישט לאַנג אַריבער צום אידנטום און פאַרמעסט זיך גאָר אונטערצוגראָבן די יסודות פון דער אידישער אמונה. עס האָט זיך גענומען טראָגן אין דער לופטן אַ שטאַרקע אויפרעגונג קעגן אַקאָסטאַן, מען האָט אים געגעבן צו וויסן, אַז מען וועט מער נישט דולדן זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן דער טראַדיציאָנעלער אידישקייט. די קרובים פון אַקאָסטאַ האָבן דערשפּירט די פיינטשאַפט, וואָס זאַמלט זיך אין דער אידישער געמיינדע קעגן אים און זיי האָבן אים גענומען אָפּראָטן פון צו פירן אַ קאַמף קעגן די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער קהלה און קעגן די דאָגמעס פון אידישן גלויבן. אָבער אויף די אַלע וואָרנונגען האָט דער שטאָלצער און ווירדיקער אַקאָסטאַ געענטפערט: „איך האָב גע־בראַכט אַזויפיל קרבנות צו דערשלאָגן זיך צו פרייהייט, וועל איך איצט צוליב די דראָאונגען פאַרבאַהאַלטן דעם אמת, כדי דערמיט אויסצומיידן שטראָף?"

אוריאל אַקאָסטאַ האָט נישט אויפגעהערט אַרויסצוזאָגן עפנטלעך זיינע מיינונגען. די רבנים האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי די דראָאונגען, און אין יאָר 1618 האָבן זיי אים אַריינגעלייגט אין חרם. אַקאָסטאַ איז דער־ווייטערט געוואָרן פון אַלעמען. ווען ער פלעגט גיין אין גאַס, האָט דער עולם זיך אָוועקגערוקט פון אים ווי פון אַ קרעציקן. גאַסן־אינגלעך האָבן אים נאָכגעוואָרפן שטיינער און נאָכגעשריען זידל־ווערטער. ער איז געוואָרן אַן אמתער אָפּטריניקער. אויך אין זיין היים האָט ער קיין רו נישט געהאַט. אויך אַהין פלעגן דערגיין די זידלערייען, מען האָט אים געשטערט צו לערנען און צו שטודירן אויך אין דער היים.

אין אַ דייטשן ראָמאַן, וואו עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון ברוך שפּינאָזאַ (געבוירן אין אַמסטערדאַם אַכט יאָר פאַר אַקאָסטאַס טויט, אין 1632), אָנגעשריבן דורכן עסטרייכישן קינסטלער קאָלבענהייער, ווערט גע־

בראַכט אַן אינטערעסאַנטע סצענע פון אַמסטערדאַם אין יענער צייט. דער באַרימטער קינסטלער רעמבראַנדט — ווערט דערציילט אין דעם ראָמאַן — דער שטורמישער און קרעפטיקער מאָלער, ווען עס האָט אים דערעסן צו מאָלן

אַ געשטאַלט פון אַ רב אין אַמסטערדאַם — געמאָלט פון רעמבראַנדט

די ברייטע מענטשן פון זיין האָלענדישער סביבה, און ער האָט געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון זיינע זאַטע מיטבירגער, פלעגט זיך אָפט אַוועקלאָזן אין די

אידישע גאַסן, וואו ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף גאָר אַנדערע געשטאַלטן, מיט גאָר אַנדערע געזיכטס־שטריכן. ער פלעגט מיטטראָגן זיין סקיצן־ביכל און פאַרצייכענען דאָרט די טיפּן, וואָס זייערע געזיכטער האָבן אויסגעדריקט שטאָלץ און אומעט, ווירדע און דערשלאָגנקייט. רעמבראַנדט האָט דאַן גע־מאָלט געשטאַלטן פון אידישע רבנים מיט זייער פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, וואָס האָבן אים שטאַרק אימפּאָנירט. איין מאָל ביי אַזאַ מין שפּאַציר איבער די האַלב־טונקעלע גאַסן פון אַמסטערדאַם האָט רעמבראַנדט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מאָדנער סצענע: עס האָט געהערשט אין גאַס אַ געטומל, מענטשן האָבן זיך געררוקט אין די זייטן, און שטיינער זיינען געפלויגן אויף איינעם אַ בלייכן, אויסגעמאַטערטן מענטשן, מיט אַ גרויען קאָפּ און צונויפגעפּרעסטע ליפּן. דער מענטש האָט זיך געאיילט, זיך נישט אַרומגעקוקט אויף אַרונטער אויף די פאַרפאָלגער. ער איז געלאָפן ווי אַ געיאָגטע חיה, וואָס יעגער פאָלגן זי נאָך. דער מענטש, וואָס דער ראָמאַניסט קאָלבענהייער מאָלט אים אין דער סצענע, איז אוריאל אַקאָסטאַ.

אויב די טרויעריקע און פיינלעכע סצענע איז נישט אין גאַנצן גענוי ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, איז אָבער אַ שטאַרקע וואַרשיינלעכקייט דאָ אין אָט־דעם געמאָלטן בילד.

אוריאל אַקאָסטאַ איז טאַקע נערודפט געוואָרן פון אַלעמען. אויך זיינע קרובים האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים, זיי האָבן פאַרלאַנגט, ער זאָל נאָכגעבן, ער זאָל זיך אונטערגעבן. אַן אויסנאַם איז געווען — ווי איינציקע אַקאָסטאַ־פאָרשער גיבן איבער — זיין מוטער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרשטענדעניש פאַרן זון, זי האָט אים מיטגעפילט און אין די שווערע צייטן איז זי געווען פאַר אים אַ שטיצע. זי האָט נישט פאַרלאָזט איר פאַרפאָלגטן זון און געטיילט מיט אים זיין שווערן גורל.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע דערנידערונגען און באַליידיקונגען, האָט אַקאָסטאַ זיך פעסט געהאַלטן ביי זיינע מיינונגען און געבליבן אומ־דערשראָקן.

VI

און כדי צו געווינען פאר זיינע מיינונגען א ברייטערן עולם, באשליסט אוריאל אקאסטא ארויסצוגעבן א בוך, וואו ער האט געוואלט ארויסברענגען זיינע אלע טענות קעגן די רבנים און קעגן זייער אידישקייט. אבער די רעדל־פירער פון דער אמסטערדאמער אידישער קהלה זיינען פארלאפן דעם וועג אקאסטאן, און נאך איידער עס איז דערשינען זיין ווערק, האט זיך באוויזן פון דרוק א בוך, פארפאסט פון דעם אמסטערדאמער ארצט שמואל דע סילווא. עס איז געווען אן אפהאנדלונג וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און אויפן שער־בלאט איז געווען אנגעוויזן, אז דאס בוך איז ארויסגעגעבן מיטן ציל „אפצולייקענען די גראביונגישקייט פון א באקאנטן קעגנער". דאס בוך איז דערשינען אין יאר 1623, אויסגאבע פון פאול ראוועסשטיין, 178 זייטן.

אויפגעבראכט פון דעם אנפאל קעגן אים, האט אוריאל אקאסטא אנגע־שריבן א ניי בוך, וואו ער האט געמאכט א פארגלייך צווישן די אבערגלויבענישן און מנהגים פון די „פארישייער" (רבנים) מיט דער געשריבענער לערע פון משה. עס איז געווען, ווי אקאסטא האט צוגעגעבן, „אן ענטפער א ליגנערישן העצער שמואל דע סילווא". דאס בוך איז דערשינען אין 1624 (אין דער זעלבער דרוקעריי).

און אזוי ווי דאס נייע בוך פון אוריאל אקאסטא איז ארויסגעטראטן נישט בלויז קעגן די יסודות פון דער אידישער רעליגיע, נאר אויך קעגן דער קריסטלעכער דאגמע וועגן השארת־הנפש (לעבן נאכן טויט) — האט די אמסטערדאמער אידישע קהלה אין איר קאמף קעגן דעם ווידערשפעניקן אקאסטא גערופן צו הילף דעם אמסטערדאמער שטאטישן מאגיסטראט. די קהלה האט זיך געווענדט צו די שטאט־באלעבאטים מיט א שארפן אנקלאג קעגן אקאסטאן און געבעטן אנצונעמען מיטלען קעגן דעם געפערלעכן אפיקורס, וואס גראבט אונטער די אויטאריטעט פון דער אמונה. דער מאגיסטראט האט זיך געלאזט מיטרייסן אינעם קאמף קעגן דעם פריידענקער, מען האט צוגעצויגן אקאסטאן צו א משפט און דערווייל פארשפארט אים אין תפיסה, וואו ער איז אפגעזעסן א וואך צייט ביזן געריכט. און דער געריכט האט גע־פאלגט די שטאט־באלעבאטים און האט פאראורטיילט אקאסטאן צו באצאלן

שטראָף 300 גולדן, און דאָס בוך איז קאָנפיסקירט געוואָרן און עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. עס איז, ליידער, נישט געבליבן קיין עקזעמפּלאַר פון אָט־דעם „טרייף־פסול". חוץ דעם האָט מען אים פאַרמשפּט צו 15 יאָר חרם, צו זיין אָפּגעטיילט, איזאָלירט פון אַלעמען.

לויט ווי ס'ווערט איבערגעגעבן אין איין אַקאָסטאַ־ביאָגראַפיע, האָט אַקאָסטאַ געפּרואווט פאַרלאָזן אַמסטערדאַם און איז אָפּגעפאָרן קיין האַמבורג, אָבער נישט קענענדיק די אָרטיקע שפּראַך, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין אַמסטערדאַם, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין איינזאַם און טרויעריק לעבן, אָן דער זייט און אין דער ווייט און פאַרהאַסט פון אַלעמען.

די פופצן יאָר, וואָס ער איז געווען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, זיינען ביי אים ניט אַוועק אומזיסט, לאיבוד. ער האָט מיט אַ באַזונדערן דורשט ווייטער געלערנט און געפאָרשט און זיך פאַרטיפט אין די פילאָזאָפיש־עטישע פּראָבלעמען. ער איז אַלץ מער רייפער געוואָרן, און זיין וועלט־אָנשויאונג איז אַלץ קלאָרער און פעסטער געוואָרן. ער איז באַווירקט געוואָרן פון די נייע פרייע געדאַנקען און אידייען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן אין אייראָפּע. די ראַציאָנאַליסטישע לערע, וואָס האָט דעמאָלט גענומען אַרויסשטויסן אַלץ מער די אַבערגלויבעניש און אָפּגעשטאַנענע באַגריפן וועגן דער וועלט, האָט באַהערשט זיין פאָרשנדיקן גייסט. אויב ביז איצט איז זיין טיפע קעגנערשאַפט קעגן דער פאַרגליווערטקייט פונעם אידנטום געווען מער אַ פּראָדוקט פון געפיל, פון אינעווייניקסטן אויפברויז, איז מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו באַנעמען די צוריקגעשטאַנענקייט, די פאַנאַטישקייט אינעם אידישן לעבן שוין פון אַ שטרענג־פילאָזאָפישן צוגאַנג. אויב ביז אַהער האָט ער קעגנגעשטעלט דער רבנישער מסורה די תורה, איז איצט האָט זיך גענומען אויספאָרמירן ביי אים אַ ראַציאָנאַליסטישער אַרט דענקען און פאַרשטיין. ער האָט אָנגעהויבן אויפצונעמען די תורת־משה אין געשיכטלעכער פערספּעקטיוו און די לערע פון משה איז געווען אין זיינע אויגן ווי אַ רעליגיע, וואָס האָט אין זיך ענלעכקייט צו אַנדערע רעליגיעס.

און אַזוי האָט אוריאל אַקאָסטאַ געפירט אַ צווייענדיק לעבן: פון איין זייט — אַ טיף־טראַגיש, פאַרשטויסן פון אַלע אַרומיקע, און פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך געפונען מיט זיין גייסט, מיט זיין נשמה אין אַ גייסטרייכער וועלט פון אידייען, פון וועלט־אָנשויאונגען, וואָס האָט פאַרשטאַרקט זיין געמיט, פאַרברייטערט זיין האָריזאָנט, פאַרטיפט זיין אינערלעכע וועלט.

„עס איז קיין ספק נישט" — האָט געזאָגט אַקאָסטאַ — „אַז ווען אַלע מענטשן וואָלטן אויסגענוצט ווי געהעריק זייער איינגעבוירענעם פאַרנונפט

און געלעבט לויט דער נאַטירלעכער רעליגיע; וואָלטן זיי אַלע ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן, זיי וואָלטן מיטגעפילט די לײדן פונעם נאָענטן און וואָלטן געשטיצט איינער דעם צווייטן אין צייטן פון אומגליק. ווער עס פירט זיך אַנדערש, יענער טרעט אַרויס קעגן דער מענטשלעכער נאַטור. און אויב מענטשן באַגייען פעלערן, נעמט זיך עס בלויז פון דעם, וואָס זיי האָבן אויס־געטראַכט אַן אַ שיר געזעצן און געבאָטן, וואָס ווידערשפּרעכן דער נאַטור."

אוריאל אַקאָסטאַ זעצט פאָר אַן אייגן, אָפּגעזונדערט לעבן, ער קער זיך מיט קיינעם נישט אָן. ער שעפּט כוח און געדולד אין דעם באַוואוסטזיין, אַז „זיין זאַך איז אויף אַזויפיל ריכטיקער פון דער זאַך פון זיינע קעגנער, אויף וויפיל אמת איז פיינער פון שקר, ווייל זיי, די קעגנער זיינע, שיצן דעם ליגן און זיי באַמיען זיך צו פאַרוואַנדלען מענטשן אין קנעכט. ער אָבער קעמפט פאַר גערעכטיקייט, פאַר דער נאַטירלעכער פרייהייט פונעם מענטש."

אין דער שוין־דערמאָנטער דערציילונג וועגן אוריאל אַקאָסטאַן שילדערט ישראל זאַנגוויל זיין טראַגיש לעבן אין יענער צייט. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פאַררוקט ביי זיך אין הויז, איינער אַליין, „נאָר שפּעט ביינאַכט פלעגט מען אים אַמאָל באַגעגענען אַרומוואַנדערן ביי די קאַנאַלן, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען מיט איינגעגראָבענע אויגן טיף אין זיך, מיט אויגן, וואָס האָבן עפּעס ווי נישט באַמערקט די שיינקייט פון די פינקלענדיקע וואַסערן, וועלכע זיינען באַלויכטן פון די שטערן אין הימל, אָדער די צערטלעכע פאַרב פונעם לייכטן נעפּל, וואָס איז געהאַנגען אויף די וואַסערן. פול מיט מרה־שחורה זיינען די אויגן געווען און צייטנווייז פלעגן זיי פייכט ווערן, זיך פאַר־בענקען נאָך דער זון און נאָך די אָראַנזשן־ביימער (פון זיין אַמאָליקער היים אין פּאָרטוגאַל) און נאָך דער וואַרעמקייט פון די פריינטלעכע געזיכטער. . . אָפּטמאָל באַגינען פלעגן די מאַרק־לייט באַגעגענען אים רייטנדיק אויסער דער שטאָט מיט אַ שווערד אָן דער זייט און אין האַנט אַ גילדענער פּיסטויל, וואָס ער פלעגט מיט אים שיסן די פייגל אויף די ביימער און אין דער לופט."

ער איז געווען דערווייטערט אויך פון זיין משפּחה, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין צוליב זייער ווידערשפּעניקטן ברודער און קרוב זאָרגן און יסורים. ישראל זאַנגוויל שילדערט אין זיין אַקאָסטאַ־דערציילונג אַזאַ רירנ־דיקע סצענע: „איין מאָל אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט, ווען די אַלטע דאָנאַ אַקאָסטאַ, די מוטער פון אוריאל אַקאָסטאַ, איז געשטאָרבן, האָט דער קברות־מאַן פונעם אידישן בית־עלמין דערהערט אַ פאַרדעכטיקן גערויש און געטומל צווישן די קברים. ער האָט חושד געווען, אַז דאָס זיינען גנבים, איז ער אַרויס פון זיין שטיבל און מיט זיין לאַמטערן זיך געלאָזט צום אָרט, פון וואַנעט דער געטומל איז דערגאַנגען. ער האָט אָנגעשטעלט זיין לאַמטערן און

זיך אָנגעטראָפן מיטן ליכט — אָ, ס'אַראַ גרויסער חילול־השם! — אויף דער שלוכצנדיקער געשטאַלט פון אוריאַל אַקאָסטאַ, וועלכער איז געלעגן איבער דעם פרישן קבר פון דער חשובער פרוי און פאַראומרייניקט מיט זיין בייזיין די הייליקע ערד פונעם אידישן בית־עלמין.״

און זיין לעבן ווערט אַלץ טרויעריקער און פינצטערער. זיין פרוי שטאַרבט, ער באַשליסט אַ צווייט מאָל חתונה צו האָבן, כדי, ווי ער אַליין שרייבט, צו געפינען אַרום דער פרוי „אַן אָנשפּאַר אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן״. אָבער ער איז דאָך אַן אָפּטריניקער, קאָן ער נישט פאַרווירקלעכן זיין פאַרלאַנג.

און עס איז אינטערעסאַנט: גראָד אין דער צייט, ווען ער האָט שוין אינערלעך געהאַט צעריסן מיטן אידנטום, ווען ער האָט שוין געהאַט זיך באַפרייט פון די רעליגיעזע געבאָטן און לערעס, איז ער געצוואונגען געווען פאַרצונעמען שריט זיך איבערצובעטן מיט די אָפיציעלע פאָרשטייער פונעם אַמסטערדאַמער אידנטום. ער פועלט ביי זיך, ווי ער אַליין שרייבט, צו „ווערן אַ מאַלפּע צווישן מאַלפּעס״. מיט דער הילף פון איינעם פון זיינע קרובים דערלאַנגט ער צום אַמסטערדאַמער בית־דין אַ שריפטלעכע מעלדונג, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיינע זינד און אַז ער איז גרייט תשובה צו טאָן.

VII

אוריאל אַקאָסטאַ באַשליסט ביי זיך נאָכצוגעבן, ווייל אין פּראָצעס פון אויפנעמען די פריע פילאָזאָפישע לערעס שטעלט ער זיך אָן דער זייט און איבער יעדער רעליגיע, און דעריבער איז אים ערגעץ־וואו גרינגער געווען נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די פאַנאַטיקער, די רבנים, און טאָן דאָס, וואָס ווידערשפּרעכט זיין אינערלעך וועזן, זיין אינערלעכן ווילן. פאַרשטייט זיך, אַז די רבנים זיינען צופרידן. אַקאָסטאַ איז גרייט חרטה צו האָבן אויף זיינע מעשים און תשובה טאָן פאַר זיינע פרייע געדאַנקען. דאָס מיינט, אַז זיי האָבן איינגעבראָכן זיין כאַראַקטער, אַז ער איז באַזיגט.

אַקאָסטאַ האָט געוואָלט פאַר דעם פּרייז פון אויסערלעך זיך אָפּזאָגן פון זיינע געדאַנקען פאַרשאַפן זיך רו. אָבער עס איז געווען אַ טעות. ער האָט נישט געוואוסט, אַז אַזאַ מין גאַנג איז נישט צוגעפּאַסט פאַר זיין אומאָפּהענגיקן כאַראַקטער, און אַז די מאַסקע, וואָס ער וועט אָנטאָן אויף זיך, וועט אים זיין פיל שווערער ווי פירן דאָס איינזאַמע און פאַרפאָלגטע לעבן. ער רעוואָלטירט אָבער קעגן זיך אַליין. ער ציט זיך צוריק פון דער רעזיגנאַציע־שטימונג נאָכצוגעבן די רבנים, וואָס הערשן אין לעבן. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם צאָרן ביי די רבנים־קנאים, וואָס האָבן געמיינט, אַז אַקאָסטאַס גייסט איז שוין געבראָכן, און אַז ער איז גרייט צו קניען און צו בוקן זיך פאַר זיי. אויב פריער איז ער געווען פאַר זיי אַ פריידענקער, אַן אַפּיקורס, זעט ער אויס איצט אין זייערע אויגן פאַר אַ פאַלשן מענטש, וואָס גייט זיך רייצן מיט זיי. האָבן זיך די פאַרפאָלגונגען קעגן אים גענומען פאַרשטאַרקן מיט אַ נייעם ברען. אויך זיין פאַמיליע, וואָס האָט געמיינט, אַז אַקאָסטאַ קערט זיך שוין אום אויפן דרך־הישר, איז געוואָרן מער אויפגעבראַכט קעגן אים. און דערווייל איז די מוטער, וואָס האָט אים אַרויסבאַוויזן די גאַנצע צייט מיטגעפיל און מיטלייד אין די שווערע צייטן, געשטאָרבן.

אין יענער צייט טרעפט זיך אַ מעשה, וואָס רופט אַרויס נאָך מער פאַרביטערטקייט און האַס קעגן אַקאָסטאַן. עס קומען דאָן קיין אַמסטערדאַם צוויי קריסטן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון זייערע לענדער צו זוכן שוץ אין דעם דעמאָלט פרייען אַמסטערדאַם. איינער אַן איטאַליענער און דער צווייטער אַ שפּאַניער. זיי זיינען אַנטלאָפן קיין האָלאַנד מיטן ווילן זיך מגייר זיין. זיי זיינען געקומען צו אַקאָסטאַן און געוואָלט ביי אים אָנפרעגן זיין מיינונג וועגן זייער שריט. אַקאָסטאַ איז געווען אָפנהאַרציק מיט זיי, ער האָט נישט פאַרבאַהאַלטן זיין נעגאַטיווע באַציאונג צו דער רעליגיע בכלל, ווי אויך צו

דער אידישער רעליגיע. דאָס איז דערגאַנגען צו די רבנים און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן קעגן אים אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל עפנטלעך זיך אָפּזאָגן פון זיינע אַפּיקורסישע געדאַנקען.

און אַזוי ווי ער האָט נישט מסכים געווען זיך צו שלאָגן עפנטלעך „על חטא", האָט מען אים צום דריטן מאָל אַריינגעוואָרפן אין חרם. און דאָס מאָל האָט מען די גאַנצע חרם־פּראָצעדור אַדורכגעפירט אין אַ האַרבערער און אין אַ נאָך מער באַליידיקנדיקער פאָרם.

עס זיינען אַריבער זיבן שווערע און ביטערע יאָרן. צעבראָכן און אויס־געשעפּט פון די אַלע איבערלעבענישן און דערנידערונגען, האָט אַקאָסטאַ פאַר־געזעצט זיין טראַגיש לעבן, אַליין, פאַרלאָזט פון אַלעמען. געקומען איז ער קיין אַמסטערדאַם אַ יונגער, אַ מוטיקער מיט אַזוי פיל האָפענונגען פאַר אַ פריי און גייסטרייך לעבן, און אָט זיינען שוין פאַריבער איבער צוואַנציק יאָר. פאַר דער צייט איז ער אַלט געוואָרן פון די אַלע גראַנגלענישן און קאַמפן, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פאַר זיינע פרייע געדאַנקען. ער האָט זיך דערפילט שוואַך צו פירן ווייטער אַזאַ מין פאַראייניזאַמט לעבן, עס האָט אים געפעלט כוח און מוט דערצו. און אָט, אין אַ מינוט פון שוואַכקייט באַשליסט ער ביי זיך זיך צו ברעכן און בעטן מחילה פאַר זיינע זינד.

עס ווערט איבערגעגעבן די טריאומפירנדיקע רבנים־פאַנאַטיקער וועגן אַקאָסטאַס באַשלוס חרטה צו האָבן. און כדי דער חרטה־אַקט זאָל געפינען אַ ברייטן אָפּקלאַנג און זאָל אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די אַלע, וואָס טראָגן אין דער שטיל פרייע געדאַנקען, און בעיקר אויף דער יוגנט, וואָס ווערט אַלץ מער אַדורכגעדרונגען מיט די פרייע לערעס, וועלכע גראָבן אונטער די יסודות פון דער טראַדיציאָנעלער אידישקייט, אַרבעטן אויס די רבנים אַ טעקסט פאַר דער עפנטלעכער חרטה און מען אָרדנט איין די חרטה־פּראָצעדור אויף אַ פייערלעכן אופן פאַר אַ וואָס־גרעסערן עולם.

אוריאל אַקאָסטאַ איז, לויט דער פאַראָרדענונג פון די רבנים, אַרויף אויף דער בימה פון דער שול און דערקלערט, אַז פון איצט אָן וועט ער זיין גוט און פרום און וועט אָפּהיטן די אידישע געבאָטן און וועט שוין מער נישט ווידערשפּעניקן קעגן די פירער פון דער אידישער קהלה. נאָך דער דערקלערונג האָט אַקאָסטאַ אַראָפּגעצויגן די קליידער פון אַ האַלבן גוף, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און דער שמש האָט אים געשלאָגן מלקות, געגעבן 39 שמיץ. דערנאָך האָט אַקאָסטאַ זיך אָוועקגעזעצט אויף דער ערד, און דער בית־דין האָט אים געזידלט. דאָס אַלץ איז געווען ווייניק פאַר די קנאים. ער האָט זיך נאָך געמוזט אויסציען אויף דער שוועל פון דער שול און דער עולם איז איבערגעטראָטן מיט די פיס אויף אים.

אָבער די געגאַרטע רו האָט אַקאָסטאַ נישט געפונען. פאַרקערט, די עפנטלעכע דערנידערונגען האָבן נאָך מער צערודערט זיין האַרץ און דער־שלאָגן זיין געמיט. דער חרטה־טעקסט, וואָס איז געווען פול מיט באַליידיקונגען, האָט אים צעטרייסלט ביז די טיפענישן פון זיין צעוויטיקטער נשמה. ער האָט געפילט אַ ווידערגעפיל צו זיך, פאַרוואָס ער האָט זיך געלאָזט אַזוי דערנידעריקן און באַליידיקן. עס האָט אים נאָכגעפאָלגט שאַנד און חרפה.



די פּאָרטוגעזישע שול אין אַמסטערדאַם, וואו מ׳האָט אַקאָסטאַן אַריינגעלייגט אין חרם.

אַ פאַרסמטער, אַ רעזיגנירטער און אינערלעך אַ טיף־אויפגערייצטער טראָגט ער זיך אַרום מיט שווערע מחשבות אַוועק פון דעם לעבן.

און ער באַשליסט איבערצוגעבן פאַר די קומענדיקע דורות די טרויעריקע געשיכטע פון זיין לעבן און פון די פייניקונגען פאַר זיין פריי דענקען. ער פילט, אַז זיין טראַגישע לעבנס־געשיכטע האָט אַ ווערט אויך פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן, ווייל זיין קאַמף און זיינע געראַנגלענישן קאָנען דינען ווי אַ ביישפּיל, ווי אַ מענטש האָט זיך געראַנגלט און געקעמפט פאַר דעם אמת און פרייען געדאַנק אָן קיין שום פשרות. און אוריאל אַקאָסטאַ שרייבט אָן זיין קורצע אויטאָביאָגראַפיע.

VIII

געשריבן אין אַ מאָמענט פון טיפער דערשיטערונג, אין אַן אויפגערעגטער און פאַרביטערטער שטימונג, איז זיין אויטאָביאָגראַפיע אַדורכגעדרונגען מיט שטאַרקן האַס און צאָרן צו אידן בכלל און באַזונדערס צו די רבנים, וואָס ער רופט אָן אויף זיין שטייגער „פאַריסייער" (פרושים). ער דערציילט וועגן זיין לעבן און וועגן די גראַנגלענישן, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, און ער ענדיקט מיט די ווערטער: „דאָ האָט איר די אמתע געשיכטע פון מיין לעבן. איך האָב אייך באַוויזן וואָס פאַר אַ ראָלע איך האָב געשפּילט אויף דער העכסט-נישטיקער וועלט-אַרענע, אינעם העכסט-נישטיקן און נישט-שטאַנדהאַפטיקן לעבן. און איצט, מענטשלעכע זין, אורטיילט איר אָן לײַדנשאַפט, זאָגט אַרויס אייער מיינונג פריי, ווי עס דיקטירט אייך דער אמת . . . אויב איר וועט געפינען ליידן, וואָס זיינען ווערט מיטגעפיל, פאַרנעמט זיי און האָט מיטלייד מיטן טרויעריקן גורל פון אַ מענטשן, צו וועלכן איר האָט אַ שייכות." און צום סוף גיט אַקאָסטאַ צו: „צוליב קלאָרקייט וועגן רוף איך אָן מיין נאָמען. אין פּאָרטוגאַל, ווי אַ קריסט, האָב איך געהייסן גבריאל דאַ קאָסטאַ, און צווישן אידן — אָ, ווען איך וואָלט קיינמאָל צו זיי זיך נישט דערנענטערט! — האָב איך מיט אַ קליינער ענדערונג זיך אָנגערופן אוריאל."

און פאַרענדיקט זיין קורצע און ווייטיקדיקע לעבנס-געשיכטע, האָט ער אָנגעלאָדן זיינע פּיסטוילן. ער איז געזעסן ביי זיין פענצטער, געקוקט אויף דער גאַס און אָפּגעוואַרט זיין קרוב, וואָס האָט אים פאַרביטערט די יאָרן. ווען ער האָט אים באַמערקט אַדורכגיין, האָט ער אין אים אויסגעשאָסן, אָבער דער פּיסטויל האָט זיך פאַרהאַקט. האָט ער מיטן צווייטן אָנגעלאָדענעם פּיסטויל זיך אַריינגעשאָסן צוויי קוילן און ער איז געפאַלן אַ טויטער.

און אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס טרויעריקע און טראַגישע לעבן פון איינעם פון די אומרואיקסטע גייסטער, דעם זוכער פון אמת און גערעכטיקייט, דער וואָס האָט נישט געקאָנט געפינען קיין רו און קיין פּאַסיקע סביבה פאַר זיך און פאַר זיינע געדאַנקען.

און די ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַזוי פיל פאַרצווייפלונג און פאַרביטערונג, זיינען נישט אָפּגעמעקט געוואָרן ביז אויף היינט צו טאָג.

דער זכר פון אָט־דעם מערקווירדיקן מענטש לעבט איבער דורות און יאָר־הונדערטער. דער נאָמען אוריאל אַקאָסטאַ איז געוואָרן אַ לויכטנדיקער נאָמען, וואָס ווערט נישט אויסגעלאָשן סיי ביי אידן און סיי ביי אַנדערע פעלקער.

אוריאל אַקאָסטאַ האָט געזאָגט: „אַלע צרות נעמען זיך דערפון, וואָס מען פאָלגט נישט דעם ריינעם פאַרנונפט, וואָס מען פאָלגט נישט דעם געבאָט פון דער נאַטור.” אָט־דעם אמת האָט ער אַליין אויסגעווייטיקט, אויסגעבלוטיקט. זיינע לײַדן, זיינע גראַנגלעניִשן זיינען געבליבן אַ צייכן פאַר שפּענעררדיקע קאַמפן, אַ צייכן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט און אויך אַ

אוריאל אַקאָסטאַ און ברוך שפּינאָזאַ   בילד פון ש. הירשענבערג

וואָרנונג קעגן די פינצטערע כוחות אין אַלע צייטן, וואָס ראַנגלען זיך מיטן ליכט, מיט דעם פרייען אומאָפּהענגיקן געדאַנק.

און עס איז מערקווירדיק: אין דעם זעלבן אַמסטערדאַם, וואו די פאַנאַטיקער, די צבועקעס האָבן זיך געראַנגלט מיטן פרייען געדאַנק, אין שכנות מיט דער פּאָרטוגעזישער שול, וואו מען האָט אָפּגעריכט דעם פינצטערן חרם אויף אוריאל אַקאָסטאַ, אין שכנות מיט דער שול האָט זיך געפונען די

תלמוד־תורה „עץ חיים”, וואו עס האָט דאַן געלערנט אַ יונג אינגל ברוך שפינאָזאַ, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1632 — דאָס הייסט, אַכט יאָר פאַר אוריאל אַקאָסטאַס זעלבסטמאָרד. עס איז קיין ספק נישט, אַז דער יונגער עמפינדלעכער ברוך שפינאָזאַ האָט אויפגענומען די ליידנשאַפטלעכע גע־ראַנגלעניש פון דעם „אַפּטריניקן” אוריאל אַקאָסטאַ, די ווילדע פאַרפאָלגונגען קעגן אים, און האָט אודאי איינגעזאַפּט אין זיך די מוראדיקע פּאַסירונג פון אוריאל אַקאָסטאַס טראַגישן טויט. און מיט אַ פופצן־צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט אויך ברוך שפינאָזאַ געטיילט דעם שווערן גורל פון זיין פאָרגייער אוריאל אַקאָסטאַ : ברוך שפינאָזאַ איז אין יאָר 1656 אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם, הלמאי ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער טראַדיציאָנעלער אידיש־קייט פון די רבנים און האָט געשטעלט דעם פרייען שכל העכער פון דער רעליגיעזער מסורה.

IX

די געשטאַלט אַקאָסטאַ האָט נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן קינסטלער און שאַפער.

נאָך אין יאָר 1687, עטלעכע און פערציק יאָר נאָך זיין טראַגישן טויט, איז דער לאַטיינישער מאַנוסקריפּט פון זיין אויטאָביאָגראַפיע געפונען געוואָרן דורך דעם האָלענדישן שריפטשטעלער פיליפּ לימבאָרק. דער מאַנוסקריפּט איז דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן און האָט אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט.

מיט אַ צוויי הונדערט יאָר שפּעטער, אין יאָר 1847, האָט דער דייטשער שריפטשטעלער קאַרל גוצקאָוו, דער פאָרשטייער פון דער ראַדיקאַלער גרופּע דייטשע שרייבער „יונג דייטשלאַנד”, פאַרפאַסט די דראַמע „אוריאַל אַקאָסטאַ”, וואו ער האָט אַרויסגעבראַכט דאָס טראַגישע לעבן פונעם אַמסטערדאַמער פריידענקער און געשילדערט ווי די נייע וועלט ראַנגלט זיך מיט דער אַלטער, און ווי דער אומאָפּהענגיקער גייסט לאָזט זיך נישט איינצוימען אין די גרענעצן פון דער טראַדיציע. קאַרל גוצקאָוו האָט זיך געלאָזט פריי גיין מיט די פאַקטישע מאַטעריאַלן פון אַקאָסטאַס אייגנטלעכן לעבן, און דאָס האָט געבראַכט אין יענער צייט אַ שאַרפע פּאָלעמיק. מען האָט אים פאָרגעוואָרפן, הלמאי ער איז ערטערווייז אָפּגעטראָטן פון די ווירקלעכע פּאַסירונגען און געלאָזט זיך פירן דורך זיין פאַנטאַזיע.

די רעוואָלוציאָנערע, בונטאַרישע ליטעראַרישע ריכטונג „יונג־דייטשלאַנד” איז געווען אין יענער צייט די באַקעמפערין פון אַלט־אָפּגעלעבטע, רעאַקציאָנערע אָנשויאונגען און פירעכצן. ס׳איז אינטערעסאַנט ווי די רעאַקציאָנערן זיינען באַפאַלן די „יונג־דייטשלאַנד”־גרופּע און פשוט פאַרמסרט זי פאַר דער מאַכט. „אונטער דער מאַסקע פון פראַנצויזישן רעפּובליקאַניזם — האָט איינער אַ העצער געשריבן — פירט די דאָזיקע פראַנקפורטער שול פון זינד און גאָטלעסטערונג אַריין די שרעקלעכע אומפאַרשעמטקייט... און קנאַפּ וואָס זיי שרייבן נייע אומאַנשטענדיקע ביכער, נאָר זיי לאָזן ווידער אויפלעבן די אַלטע.” און אין זייער הייסער פּאָלעמיק זיינען זיי אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז זיי האָבן „יונג־דייטשלאַנד” אָנגערופן „יונג־פּאַלעסטינע” און פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זייער אָרגאַן די „דייטשע רונדשוי” איז דער אָרגאַן פונעם אידנטום, הגם צווישן די אַלע פאָרשטייער פון דער נייער שול איז קיין איינער

נישט געווען נישט פון קריסטלעכן גלויבן, אויסער היינע און בערנע, וואָס זיינען געווען פון אידישער אָפּשטאַמונג.

קאַרל גוצקאָוס דראַמע האָט שטאַרק אויפגעלעבט דעם אינטערעס צו אוריאל אַקאָסטאַ און צו זיין לעבן. איינער אַ באַגייסטערטער רעוואָלוציאָנערער אידישער טוער פון עסטרייך, הערמאַן יעלינעק, אַ פּובליציסט אַ ראַדיקאַל (דעם באַוואוסטן ווינער ראַבינערס אַ ברודער), האָט גלייך נאָכן דערשיינען פון קאַרל גוצקאָוס דראַמאַטיש ווערק פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטע אָפּהאַנדלונג וועגן אוריאל אַקאָסטאַ. און ס'איז אינטערעסאַנט: אָקטאָבער 1848, ווען די ווינדישגרעצעס אַרמיי האָט פאַרכאַפּט דעם רעוואָלוציאָנערן ווין און גענומען אויסראָטן און אָפּראַמען די אַלע רעוואָלוציאָנערע טוער, האָט מען אויך דעם רעוואָלוציאָנער הערמאַן יעלינעק, דער פאַרטיידיקער און באַגייסטערער פון אוריאל אַקאָסטאַ, פאַרמשפּט צום טויט. ער האָט דעם אורטייל אויסגעהערט רואיק און אויסגעשריען: „אָבער מיינע געדרוקטע אידייען וועט אייער קויל דאָך נישט טרעפן!" מערקווירדיק, ווי די אַמסטערדאַמער אוריאל אַקאָסטאַ־געשטאַלט פון 17טן יאָרהונדערט האָט געפונען איר פאַרטיידיקער און באַגייסטערער אין אַ אידישן רעוואָלוציאָנער פון עסטרייך פונעם 19טן יאָרהונדערט — מיט אַ צוויי יאָרהונדערטער שפּעטער. און ביידע זיינען זיי געפאַלן קרבנות פון פינצטערע כוחות.

אין 1856 האָט שלמה רובין איבערגעזעצט די דראַמע אויף העברייאיש. דער באַרימטער רוסישער שריפטשטעלער פּיאָטר וויינבערג האָט איבערגעזעצט, אין יאָר 1880, קאַרל גוצקאָווס דראַמע אויף רוסיש. די דראַמע האָט באַווירקט צוויי רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן אָנצושרייבן אָפּערעס: א. סעראָוו האָט אָנגעשריבן אַ 5־אַקטיקע מוזיקאַלישע אָפּערע און אַ צווייטער קאָמפּאָזיטאָר א. ס. פאַמינצין האָט אָנגעשריבן אַן אָפּערע אין פיר אַקטן (אין 1883). איינער פון די עפּיזאָדן — שפּינאָזאַ דאָס קינד אַרום אוריאל אַקאָסטאַ — וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער גוצקאָוו־דראַמע, איז געמאָלט געוואָרן דורכן באַרימטן אידישן קינסטלער ש. הירשענבערג.

אויף אידיש איז קאַרל גוצקאָווס דראַמע איבערגעזעצט געוואָרן עטלעכע מאָל. די ערשטע איבערזעצונג איז געמאַכט נאָך אין יאָר 1888 דורך דעם באַקאַנטן אידישן שריפטשטעלער און דראַמאַטורג י. י. לערנער. ווען י. י. לערנער האָט דאַן אין זיין קאַמף מיטן גאָלדפאַדענישן אידישן טעאַטער און מיט זיין רעפּערטואַר געוואָלט באַנייען דעם רעפּערטואַר פונעם אידישן טעאַטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער „אוריאל אַקאָסטאַ" דראַמע פון קאַרל גוצקאָוו, זי „איבערגעזעצט און אַראַנזשירט פאַר דער אידישער סצענע" און אַרויסגעגעבן זי אין פּעטערבורג אין אַ באַזונדער בוך. די שווי־

שפילער אבא שעהנגאלד און סאפיע גאלדשטיין (קארפ) האבן צוערשט זיך אויסגעצייכנט אין די הויפט־ראלן. און זינט דאן, שוין א מעשה פון איבער 50 יאר, ווי ס'איז די אמביציע פון יעדן בעסערן אידישן רעזשיסער און יעדן בעסערן אידישן שוישפילער זיך צו פארמעסטן צו שטעלן די גוצקאוור־פיעסע און צו שפילן די מערקווירדיקע געשטאלטן פון דער טראגעדיע. שפעטער האט די דראמע פונסניי איבערגעזעצט אברהם מארעווסקי, דער באוואוסטער רעזשיסאר און שוישפילער. מיט עטלעכע יאר צוריק האט דער באוואוסטער אידיש־סאוועטישער דיכטער דוד האפשטיין געמאכט א נייע איבער'זעצונג, וואס איז געשפילט געווארן דורכן „ארטעף".

די אוריאל אקאסטא דראמע איז במשך פון די קנאפע הונדערט יאר זינט זי איז פארפאסט אויך אויפגעפירט געווארן דורך די באדייטנדיקסטע וועלט־רעזשיסארן, און די אנגעזעענסטע וועלט־שוישפילער האבן זיך פארמאסטן צו שפילן די קאמפליצירטע אוריאל אקאסטא געשטאלט. יעדער איינער האט זיך באמיט ארויסצוברענגען אלץ טיפערע און שארפערע מאטיוון און שטריכן פון דער־א רייכער און טראגישער אומרואיקער געשיכטלעכער פערזענלעכקייט. און באזונדערס אין צייטן פון געזעלשאפטלעכן אויפברויז, אין צייטן פון רעוואלוציאנערן אויפשוואונג ווילט זיך דורך דעם שווערן קאמף, וואס אוריאל אקאסטא האט געפירט מיט דער שטארק־אפגעשטאנענער סביבה און אירע פארשטייער, באווייזן די אומדערשראקנקייט און עקשנות, מיט וועלכע רייכע נאטורן האבן געשטריטן קעגן די פאנאטיקער און אונטערדריקער.

אויסער דער דערמאנטער דראמע, האבן אויך אנדערע שרייבער זיך פארמאסטן צו געבן אוריאל אקאסטא און זיין סביבה. יוחנן טווערסקי האט זיך פארגענומען צו שרייבן א גרויסן ראמאן אין העברייאיש איבער אוריאל אקאסטא. עס זיינען דערוויי'ל דערשינען די ערשטע צוויי טיילן: „שחרות" (פרימארגן), 260 זייטן, אין יאר 1933, און „במבצר" (אין פעסטונג), אין יאר 1935, 312 זייטן. עס זיינען דערשינען נאך און נאך גרעסערע און קלענערע ווערק געווידמעט אוריאל אקאסטא. פון די וויכטיקסטע: יוסף קאסטיין — „אוריאל אקאסטא, אדער דיע טראגעדיע דער געזינונג" (אין דייטש), בערלין, 1932, 340 זייטן, מיט בילדער, און אלפרעד קלאאר — „אוריאל אקאסטא, לעבען און בעקענטניס איינעס פריידענקערס פאר 30 יארע" (אין דייטש), 170 זייטן, בערלין, 1909.